## מיין טאַטע-מאַמע שפּראַך

דער בליץ-לאָמפּ פון טאַטנס גיטוואָך,
נאָך די לעצטע פאַרשאָטנטע רגעס
פון הייליקן שבתדיקן ברומען —
איז פאַר מיר יידיש.
דער ערשטער אויסגעבענקטער שטערן,
דער מאַמעס באַגלייטנדיקע טרערן
צום ליבן האַרציקן שבת וואָס גייט אַוועק
און צו דער ליבער וואָך וואָס טוט קומען —
צו געזונט, צום לעבן, צו מזל,
צו ברכה און צו אַ גוטער פּרנסה.
די זאָרגעוודיקע הענט פון דער מאַמעס
גאָט פון אברהם,
וואָס האָבן אויף דער פולער וואָך
אַרונטערגענומען די אייזערנע שטאַבעס
פון דער קליידער-קראָם.
דעם טאַטנס צעפלאַקערט קול,
וואָס האָט אָפּגעשיידט שטילע הייליקייט
פון דער ריידעוודיקער הייליקייט פון חול.
זיין הבדלה איז געווען דער קידוש
אויף אַ גאַנצער וואָך
פון לעבעדיקן, טומלדיקן
און וואַרעמען יידיש.

געזאַנגיקער ניגון פון מיין חומש מיט רש״י,
פון מיין גמרא-טייטש,
ליד פון אַלע מיינע פּשטלעך און תנועות,
פלאַם-פייער פון די גרויסע מלמדים מיינע,
פון מיינע פאַרהערערס,
ברענענדיקע אמונה אין אַ בעסערער וועלט,
אויך פון מיינע לייקענערס און אויפקלערערס.
דאָס גאַנצע מלכות-חסידיש
ביסטו געווען, מיין טאַטע-מאַמע יידיש.

האָסט זיך אַזוי פּראָסט געזאָגט מיט דעם בעל שם,
ביסט געווען דער איידעלער חבר
פון דעם פאַרבענקטן בראַצלאַווער.
ווי קען איך פעלשן אין דיר?
ביסט מיר נישט בלויז קיין מוטער־שפּראַך,
קיין שפּראַך פון וויגל,
נאָר דער זיגל פון אַלע מיינע געדעכענישן.
שותפות־שפּראַך פון מיין פאָלקס־כהונה,
לשון פון זיין אָרעמער, פאַרהאָרעוועטער חיונה.
פאָטערלעכער גיטוואַך אונדזערער, בליץ־לאָמפּ פון אונדזער לעבן,
נישט אַנדערש, ס׳האָט אונדז דער מאַמעס
גאָט פון אברהם
דיך פאַר אַ טרייסט געגעבן.